בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און פודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום א' פ' במדבר | י"ח אייר | ל"ג בעומר | תשע"א | פסחים: כ"ז:

## באריכט:

### שב"ק לפני ל"ג בעומר העעל"ט בצל הקודש

א גרויסער ציבור געסט האבן זיך אנגעזעהן ווילענדי'ג בצל הקודש אין קרית יואל אויף שב"ק העעל"ט.

ליל שב"ק איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען צום טיש ארום 20 מינוט נאכ'ן דאווענן אינאיינעם מיט די תלמידי הישיבה אין היכל השלחנות. מיט כל מקדש האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הר"ר ברוך יודא שניצלער שליט"א מ'טשאבא, מיט מנוחה האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר שלום עוזר פריעד הי"ו פון אנטווערפן.

ביי די דברות קודש האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפן פסוק וזכרתי את בריתי יעקב אויסטייטשנדי'ג בדרך דרוש ווי ס'איז מרומז אינעם גאנצן פסוק "ואף בריתי יצחק ואף את בריתי אברהם אזכור והארץ אזכור" אז ס'איז נישטא קיין מודעא אויף קבלת התורה.

מיט קה אכסוף האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר הערשל כ"ץ הי"ו פון וויליאמסבורג, מיט קה רבון האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר בערל גראס הי"ו פון וויליאמסבורג. מיט ברכהמ"ז האט דער רבי שליט"א מכבד געווען הגה"צ דומ"ץ דקהלתינו בארא פארק שליט"א, עובדות וסיפורים האט דער רבי שליט"א דערציילט פון הרה"ק ר' מנחם מענדל מ'רימנוב זי"ע וועמענס יארצייטעס געפאלט מארגן – ל"ד בעומר. מיט אז ביום השביעי האט דער רבי שליט"א מכבד געווען מוה"ר ברוך איליאוויטש הי"ו חבר הנהלת המוסדות אין בני ברק.

דער רבי שליט"א איז ערשינען צו מנחה אין של"ש אין ביהמ"ד הגדול די וואך אין א פריערע שעה ווי געווענטליך, לקראת דעם יו"ט ל"ג בעומר הממשמש ובא.

ביי די דברות קודש ביי סעודת רעווא דרעווין האט זיך דער רבי שליט"א געשטעלט אויפן פסוק אם בחקותי תלכו אויסטייטשנדיג בדרך מוסר און ארומרעדנדיג פון חביבות התורה ווי חשוב די תורה דארף זיין ביי א מענטש אז גארנישט זאל אים נישט שטערן פון לערנען.

# ליל ל"ג בעומר בצל הקודש

ארום א שעה נאכ'ן זמן מוצש"ק האט זיך שוין אנגעהויבן די מאסיווען שטראם פון אלפים חסידים ואנשי מעשה זקנים ונערים פון אלע עקן פון איבער ניו יארק און אומגעגנט וועלעכע זענען געקומען מיטהאלטן דעם פייערדיגן מעמד הדלקה וריקודין און די מסיבת לחיים וועלכער איז געפראוועט געווארן אויף א דערהויבענעם פארנעם.

אום 12:10 איז דער רבי שליט"א ערשינען צום מעמד הדלקה ווי טויזענטער חסידים אנשים נשים וטף אינג און אלט האבן די זכי' מיטצוהאלטן ווי כ"ק מרן רבינו שליט"א איז עולה בבחינת אהרן עולה ומדליק השלהבת מדורת אש לכבוד התנא האלוקי רבי שמעון בר יוחאי.

צום ערשט איז דער רבי שליט"א ארויף אויף די טרעפ אריינגיסן אויל, דערנאך האט מען אויסגערופן אז הרבני הנגיד מוה"ר יצחק מארקאוויטש הי"ו פון קרית יואל האט געהאט די זכי' צו קויפן די זכות הדלקה פאר א סכום הגון אין וועלכען ער האט מכבד געווען מרן רבינו שליט"א מיט די הדלקה.

דערנאך האט מען אנגעהויבן מיט'ן ניגון התעוררות "אך לאלוקים דומו נפשי" וועלכער האט אריינגעברענגט א שטארקע התרוממות און א דערהויבנקייט ביי ציבור ווי דאס התעוררות איז געווען געוואלדיג גרויס.

דאן איז דער רבי שליט"א צירוק ארויף אויף די שטיגן, און מיט א פאקל אין די האנט מדליק געווען די הדלקה הגדולה.

ווי נאר דער רבי שליט"א האט אנגעצינדן די מדורה האט מען ספאנטאן אויסגעבראכן מיט'ן ניגון "לכבוד התנא האלוקי.." ווען דער ציבור לאז זיך אריין אין א פייערדיגן טאנץ.

צום ערשט איז דער רבי שליט"א געשטאנען פארנט פונעם מדורה א לענגערע צייט בהתלהבות אש קודש, און הערשט שפעטער אריבער צום ספעציעלן פלאטפארמע ווי דער רבי שליט"א אינאיינעם מיט הרבנים הגאונים שליט"א זענען געשטאנען דוירכאויס די ריקודין.

א אויג פארכאפענדע בילד האט זיך אנטפלעקט ווי נאר די ריקודין איז אריין אין שוואונג, ווי אינג און אלט, בחורי חמד, אברכים היקרים בעלי בתים און זקנים טאנצן מלא שמחה דקדושה בהתרגשות עצומה אויף די הייליגע זמירות ל"ג בעומר און דערנאך נאך ניגוני שמחה פאר א לענגער צייט.

נאך קרוב צו 45 מינוט איז דער רבי שליט"א אריין בחדרו הפרטי ווי עס זענען פאהרגעקומען צענדליגער חאלאקע'ס בשעת ווען דער ציבור איז ווייטער ממשיך מיט די ריקודין אויף א שטארקע פארנעם.

בעפאר דער רבי שליט"א איז ערשינען אין ביהמ"ד הגדול, האט הר"ר נפתלי משה ווייס הי"ו פארקויפט די זכותי הדלקת הנרות לע"נ התנא האלוקי בעל ההילולא זי"ע, דער ערשטער ליכט האט געקויפט מוה"ר מרדכי שלעזינגער הי"ו און דערמיט מכבד געווען הרבני החסיד מוה"ר אברהם ווידער הי"ו ראה"ק וראש העיר ד'קרית יואל. דער צווייטן ליכט'ל האט געקויפט מוה"ר אברהם שמואל פריעדלאנדער הי"ו און דערמיט מכבד געווען זיין פאטער מוה"ר דוד הי"ו.

אום 1:20 איז דער רבי שליט"א אריינגעקומען אין היכל ביהמ"ד הגדול צום מסיבת לחיים, און נאכ'ן וואונטשן לחיים און זינגען ניגוני התעוררות האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברות קודש.

ביי די דברות קודש האט דער רבי שליט"א זיך געשטעלט אויפן פסוק שתולים בבית ה' בחצרות אלקינו יפריחו וואס דער שינאווער רב אין דברי יחזקאל איז מרמז אין די ראשי תיבות רשב"י, און דער רבי שליט"א האט א לענגערע צייט ארומגערעדט פון קדושת היום, און צום סוף אויסגעפירט, אז ס'איז דא א מחלוקה אין די גמרא צו מתים ווייסן בצערא דחיי, אבער אז מען זאגט נאך א דבר שמועה פון א צדיק איז דאך אזוי ווי דער צדיק לעבט איז זיכער אז דער צדיק ווייסט בצערא דחיי, ממילא אין אזא טאג וואס יעדער איז עוסק בתורה אין די מימרות פון רבי שמעון צו בתורת הנגלה צו בתורת הנסתר איז אוודאי אז רבי שמעון איז מרגיש בצערא דחיי אויסצופועלן אלעס גוטס פאר אלע אידן.

עס איז שוין געווען קרוב צו 3:00 אזייגער ווען דער געהויבענער לחיים טיש האט זיך פארענדיגט מיט גאהר לעבעדיגע ניגוני שמחה ותפילה ובקשה אז דער געהויבענער צייט זאל ברענגען פאר אידן און משפיע זיין כל השפעות טובות.

🙞•🙜

נאכ'ן מסיבת לחיים איז דער רבי שליט"א געגאנגען צו די לוי' פון הרה"ח הישיש מוה"ר שמואל יצחק רייך ע"ה מזקני חסידי סאטמאר וועלכער איז נפטר געווארן אין עלטער פון 98 יאהר פארנט פון טהרה שטובלביים ביה"ח ד'קרית יואל.

🙞•🙜

דערנאך זענען די בחורים תלמידי ישיבת חתן סופר וועלכע האבן געוויילט אויף שב"ק בצל הקודש אין קרית יואל, אריין אל הקודש פנימה ווי דער רבי שליט"א האט זיי פארהערט אין זייערע לימודים און געגעבן ברכת קדשו.

🙞•🙜

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין היכל ישיבה גדולה – שיעור א' אינאינעם מיט אלע בחורי הישיבות פון קרית יואל, ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר פנחס גלויבער הי"ו פון וויליאמסבורג. פאר'ן דאווענען איז אין ביהמ"ד הגדול פאהראגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' מאיר מענדל בראך הי"ו פון קרית יואל ווי דער רבי שליט"א איז געווען סנדק און מוהל.

נאכ'ן דאווענען איז פאהרגעקומען א מסיבת לחיים מיט אלע בחורי הישיבות ווי מען האט געזינגען די זמירות לכבוד ל"ג בעומר און דערנאך האט דער רבי שליט"א משמיע געווען דברות קודש.

🙞•🙜

אום 6:30 נאכמיטאג וועט אי"ה מרן רבינו שליט"א אריינקומען צום שלחן הטהור לרגל הילולת רשב"י אין ביהמ"ד הגדול אין וויליאמסבורג.

🙞•🙜

**אסאך נחת!**

פון טיפען הארצן וואונטשן מיר א הארציגע מזל טוב פאר ידידינו החשוב והיקר איש האשכולות, ראש וראשון לכל קדשי בית סאטמאר, ה"ה

**ר' נפתלי הירצקא שטיין הי"ו**

*לרגל דאס אפשערן פון זיין זוהן נ"י*

מיר וואונטשן אים ער זאל האבן אסאך נחת פון די און פון אלע געזונטערהייט.

*חברי המערכת*

## שמחת קידושא רבא לנכדת הרה"צ אבד"ק דקהלתינו 15'טע עוו. שליט"א

דעם שב"ק איז פאהרגעקומען דער שמחת קידושא רבה לרגל שמחת הולדת הבת ביי הרה"ג ר' אברהם מאיר האלבערשטאם שליט"א דומ"ץ דקהלתינו 18'טע עוו. חתן הרה"צ אבד"ק דקהלתינו 15'טע עוו. שליט"א, בבית מדרשינו 18'טע עוו. אין בארא פארק.

לרגל די שמחה זענען געקומען זיך באטייליגן אסאך ידידים ובראשם האבן זיך אנגעזעהן הגה"צ אבד"ק דקהלתינו בארא פארק שליט"א, און די הנהלת המוסדות פון בארא פארק אין וועלכען דער בעל שמחה דינט אלס איינע פון די הנהלת הוועד החינוך. ויקרא שמה בישראל פעסיל לאה נאך די עלטער באבע הרבנית הצדיקת ע"ה.

**דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:**
**BechatsrosSatmar@Gmail.com**

**ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז ארייננגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.**